# צפון-מזרח אמעריקע פאראליזירט פון "באמבע סייקלאון"

## גרעסערער שניי שטורעם ווי געראכטן אין ניו יארק

א שווערער שטורעם ("שטורעם גרעיסאן") וואס איז ארויפגעקומען פון די דרום סטעיטס גייענדיג אין די צפון-מזרח ריכטונג העכער'ן אטלאנטיק נאענט צום מזרח ברעג פון אמעריקע האט כמעט ווי פאראליזירט מערערע סטעיטס דאנערשטאג, און מ'האט נישט געווארט קיין פארלייכטערונג ביז קומענדיגע וואך. עס איז געווען א רעדע נישט בלויז פון גרויסע שנייען, נאר עס איז באגלייט געווען פון שטארקע ווינטן, און אויב דאס איז נאכנישט געווען גענוג, האט מען ערווארט אן אויסטערלישע ביטערע פרעסט אויף ביינאכט און אויך אויף די נאכפאלגנדע צוויי טעג, אזוי אז אויב מען האט נישט געקענט אפשארן די שניי דאנערשטאג, אינגאנצן אראפ ביז צום טראטואר אדער סיידוואוק, האט מען געקענט פארגעסן דערפון ביז מאנטאג צופרי, וואס דאן וועט קומען א פארלייכטערונג ווען די טעמפעראטור וועט ענדליך שטייגן העכער 32 גראד, וואס דאס איז דער פונקט פון איינפרירן.

די סעניטעישאן דעפארטמענט טראקס זענען ארומגעפארן מיטוואך נאכט שפריצנדיג זאלץ, אבער זאלץ לאזט נישט אויף קיין שניי ווען די קעלט פאלט אונטער 15 גראד, האט מען אין געוויסע פאלן אריינגעמישט זאמד מיט'ן זאלץ, אז עס זאל כאטש לייכטער מאכן פאר די וואס דרייוון אז זיי זאלן נישט כאפן א גליטש אויפ'ן אייז.

בכלל האט מען געווארנט נישט צו דרייוון סיידן אין עמוירדזשענסי פאלן, און עס איז א פארשטענדליכע זאך, ערשטנס ווייל אויב מען פירט ארויס די קאר פון א דרייוועי אדער פון א פלאץ וואו עס איז געפארקט, וואס אויך דאס קומט נישט לייכט אן, האט מען נישט קיין פארזיכערונג אז מען וועט האבן וואו צו פארקן ווען מען קומט ערגעץ אן. צווייטענס, מען דארף אויך עווענטועל צוריק אהיימקומען, וועט מען נאכאמאל האבן פארקינג פראבלעמען.

אין ניו יארק, האט מען פובליק סקולס אין די שטאט ניו יארק דאנערשטאג, אבער פרייטאג וועט יא זיין אפען. סקול באסעס קענען טאקע פארן אפילו אין שווערערע אומשטענדן, אבער די באס דרייווערס און די לעהרערס און אנדערע שולע ארבייטער האבן דאך אויך שוועריגקייטן אנצוקומען צו זייערע ארבייטס פלעצער.

א סאך אידישע מוסדות החינוך זענען אויך געווען געשלאסן.

מען האט שוין מיטוואך אווענט אנגעהויבן אפצורופן עראפלאן רייזעס, ווי צ.ב.ש. מען האט געוואוסט אז באסטאן עירפארט וועט דארפן זיין געשלאסן, האט מען שוין פון פריער איינגעמאלדן אז אלע עראפלאן רייזעס קיין באסטאן וועלן נישט פליען דאנערשטאג. ווען מען שאפט אפ עראפלאן רייזעס פון פריער, ראטעוועט דאס אביסל דעם מצב אז די עירליינס זאלן שנעלער קענען צוריק נארמאליזירט ווערן. אויך דארט איז דער פראבלעם אז די פילאטן און אנדערע עראפלאן ארבייטער דארפן דאך קענען פארן און קומען צום עירפארט. אין צוגאב, ליידט מען דאך פון די גרויסע ווינטן וואס בושעווען נאך שטארקער אויף די אפענע ראנוועיס וואס זענען געווענליך נעבן א וואסער, איז דאך ממש א סכנה פאר עראפלאנען אפצופליען אדער לאנדן פון אזעלכע אומשטענדן. (אויך אין באסטאן זענען געווען געשלאסן די שולעס דאנערשטאג.)

דאנערשטאג האט מען שוין געהאט א חשבון פון איבער 4,000 עראפלאן רייזעס וואס זענען אפגערופן געווארן אין די צפון מזרח סטעיטס, און פולע הונדערטער רייזעס וואס וועלן נישט קענען פליען פרייטאג. אין ניו יארק זענען קענעדי און לאגווארדיע עירפארטס פולשטענדיג געווען געשלאסן און אין נוארק איז אויך געווען א סאך א קלענערע צאל רייזעס. (ווי מער אויף מערב, אוועק פון אטלאנטיק, אלץ שוואכער איז געווען דער שטורעם.)

מען האט באצייכנט דעם שטורעם ווי א "באמבע סייקלאון", צוליב דעם גרויסן קראפט און



סאטעליט בילד וואס ווייזט דעם בליזארד ווי עס בושעוועט נעבן מזרח ברעג פון אמעריקע

סוספענדירט די "אלטערנעיט סייד פארקינג" פארבאטן ביז מאנטאג, אבער אלע אנדערע פארקינג רעגולאציעס - אריינגערעכנט מיטערס - זענען יא געבליבן אין קראפט.

א סאך ארבייטפלעצער אין א סאך שטעט זענען געווען געשלאסן דאנערשטאג, אדער מען האט פריער אהיימגעלאזט פון דער ארבעט. מען האט געשלאסן די



שניי בליזארד פארדעקט א הויז אין סקיטועט, מאסאטשוסעס

פלוצלינג'דיגן ערשיינונג דערפון. מען האט געוואוסט אז עס קומט א גרויסע קעלט אויף ענדע וואך, אבער דער לופט דרוק איז זייער שנעל געפאלן העכער'ן דרום-מזרח ראיאן, האט דאס ערגער געמאכט דעם מצב ווען די ווינטן האבן דערגרייכט ביז 76 מייל פער שעה. (ביי 75, הייסט עס שוין א "האריקעין".) דאס האט אויך געברענגט די שווערע שנעלע שטארקע שנייען. אין געוויסע פלעצער איז געפאלן ביז פינף אינטשעס שניי א שעה.

אין טיילן פון די ניו ענגלאנד סטעיטס, האט מען ערווארט אז מיט'ן קראפט פון די ווינט וועט זיך אין די וויקענד נעכט שפירן קאלטער ווי אויף דעם פלאנעט מארס!

גאווערנאר קאומא האט דערקלערט אן עמוירדזשענסי צושטאנד פאר די באטראפענע קאונטיס, און מעיאר דיבלאזיא האט אויך דערקלערט א "ווינטער וועטער עמוירדזשענסי צושטאנד" פאר די גאנצע שטאט.

די פראבלעמען האבן זיך שוין אנגעהויבן מיטוואך אין די דרום סטעיטס, ווען פלארידא, דזשארדזשיע און סאוט קעראליינע האבן געדארפט ארויסקריכן פון א זעלטענעם ווינטער שטורעם מיט שניי.

אין קאנעטיקוט, האט מען געעפענט איבער הונדערט צענטערס אין 34 שטעט צו געבן א געלעגנהייט פאר מענטשן זיך אנצואווארעמען, אויב זיי האבן נישט געקענט פארריכטן די הייצונג אין זייערע הייזער. ענליכעס איז געווען אויך אין אנדערע סטעיטס.

מען איז איבערהויפט באזארגט געווען אז עלעקטרישע דראטן זאלן נישט איבערגעריסן ווערן, די שטאנגען זאלן נישט איינפאלן, וואס אויב מען פארלירט עלעקטריציטעט, וועט דאס אויך שאטן פאר די הייצונג סיסטעמען.

מען איז אויך באזארגט געווען אז דער שטורעם זאל נישט שאפן גרויסע פארפלייצונגען. בחסדי ה' איז דער שטורעם נישט צוגעקומען נאענטער צום מזרח ברעג, ווייל אויב יא, וואלט זיך איבערגעשפילט נאכאמאל די צרות פון "האריקעין סענדי" פון פינף יאר צוריק, און דאס מאל וואלט עס פיל ערגער געווען ווייל עס איז דאך אינמיטן ווינטער.

מען האט געזען ווי דער ים שטאפל איז געשטיגן אין פארשידענע שטעט. אין א שטעטל נעבן באסטאן איז געווען ווידעאס ווי אזוי די פארפלייצונגען האבן ממש אוועקגעפירט קארס אויף די גאסן.

דאנערשטאג מיטאג האט מען געהאט א חשבון אויף ארום 65,000 הייזער און ביזנעסער אין די צפון-מזרח סטעיטס וואס האבן נישט געהאט עלעקטרישע קראפט, און מען האט זיך געראכטן אז דאס זאל שטייגן פיל העכער, אפילו מער ווי דאפעלט, אין די שפעטערע שעה'ן.

אין די סטעיט מעין, האבן טראק דרייווערס נישט געקענט אנקומען צו דער ארבייט, האט מען נישט געקענט ליפערן הייצונג אויל, דאס מיינט אז אין מערערע הייזער איז מען געזעצן און געציטערט פון די ביטערע קעלט.

עס איז טאקע ווינטער, און שנייען און ווינטן איז א נארמאלע ערשיינונג אין די צייט פון יאר, אבער ווען עס קומט אן אזא שטורעם, איז עס פארט א שווערע זארגפולע איבערלעבעניש.

* * *



מען שארט די שניי ביים עירפארט אין באסטאן

**אין די ווייטע אוסטראליע איז מען איצט אויף זומער וואקאציע אין די קאנטרי**





# גרעסערער שניי שטורעם ווי געראכטן אין ניו יארק

די שטאט ניו יארק איז שווערער געטראפן געווארן פון דעם שניי שטורעם ווי מען האט ערווארט. דינסטאג אוונט האבן נאך די וועטער באריכטן געשאצט אז די שטאט קען אפקומען מיט בלויז 1 ביז 3 אינטשעס שניי, מיטוואך האט מען שוין גערעדט פון 4 ביז 6 אינטשעס, און דאנערשטאג האט מען געזען אז עס איז געווען פיל ערגער, איבערהויפט צוליב די שטארקע ווינטן.

דער וועטער ביורא האט מענטשן וואס שיקן אריין ווי הויך די שניי האט דערגרייכט אין געוויסע צייטן פון טאג אין זייערע געגענטער. די אפיציעלע ציפערן וואס די רעגירונג נוצט איז פון אפמעסטן דעם שניי אויף אן אפגעזונדערט פלאץ אין סענטראל פארק, און דארטן איז געווען 7.8 אינטשעס שניי דאנערשטאג 1:00 אזייגער נאכמיטאג. דער וועטער ביורא גיט אויך איבער וואס "עף. עי. עי." באאמטע מעסטן דעם שניי אין די עירפּארטס. אין קענעדי עירפארט איז געווען 6.2 אינטשעעס שניי 1:00 אזייגער, און אין לאגוארדיע, 5.2 אינטשעס.

איסערדעם זענען דא מענטשן וואס שיקן אריין וויפיל זיי האבן געמאסטן. און אויף איין פלאץ אין ברוקלין איז שוין 2:19 אזייגער געווען 11.5 אינטשעס. אין בארא פארק האט עמיצער געמאסטן 3:00 אזייגער 9 אינטשעס.

אין מאנראו, ניו יארק, האט עמיצער געמאסטן 3:00 אזייגער 7.5 אינטשעס. אין ספרינג וואלי, האט מען 3:00 אזייגער געמאסטן 5 אינטשעס.

מען האט ערווארט אז דער שניי זאל נאכלאזן ביים ענדע פונעם טאג, און מען האט געהאפט אז מען וועט קענען צייטליך אוועקשארן דעם שניי פאר עס ווערט פארפרוירן אויף געדיכטע אייז. לויט'ן געזעץ דארף מען טאקע אוועקשארן דעם שניי, אבער אויב מען קען דאס נישט באוויזן, זאל מען כאטש גוט אנגיסן דערויף זאלץ און אנדערע מאטעריאל אז מענטשן זאלן זיך ח"ו נישט אויסגליטשן.

בכלל  ווארענען די געזונטהייט באאמטע אז מען זאל נישט גיין אויף די גאס ווען עס איז געפערליך קאלט אויב מען ליידט פון כאטש וועלכע געזונטהייט פראבלעמען, און עלטערע מענטשן זאלן אפילו געזונטערהייט נישט קריכן אויף די גאסן, ווען מען דארף ציטערן זיך נישט אויסצוגליטשן.

פון דרייוון איז דאך אפגערעדט. יעדער ווארנט ווי שווער און געפערליך עס איז צו דרייוון, און די וואס זענען יא געפארן אויף די הייוועיס האבן געזען אויף די זייטן פון די הייוועיס קארס וואס האבן זיך אראפגעגליטשט און זענען געבליבן פארהאנקערט אין די גרויסע שנייען.

אין עטליכע סאבוועי סטאנציעס אין ברוקלין האט מען געזען שניי ביז אן אינטש הויך, וואס עס האט אריינגעשנייט פון די אפענע ראטשעס העכער די פלאטפארמעס. דאס איז איבערהויפט געווען אויף עטליכע ברוקלינער סאבוועי סטאנציעס פון די עף. און דזשי. ליניעס, און מען האט זיך באקלאגט פארוואס די סאבוועי ארבייטער האבן נישט געטאן עפעס צוצוגרייטן די פלאטפארמעס, אדער שטיין גרייט כסדר אוועקצושארן דעם שניי און עס באזאלצן אז מען זאל נישט דארפן מורא האבן דארט צו גיין.

א טראנזיט ווארטזאגער האט זיך פארענטפערט אז מען מוז האבן די אפענע ראטשעס ביי געוויסע סטאנציעס צוליב ווענטילאציע, און מען פרובירט אפצורייניגן ווי שנעל נאר מעגליך אויב עס רעגנט אדער שנייט אריין. אויך סאבוועי ארבייטער האבן געהאט שוועריגקייטן אנצוקומען צו זייער ארבייט, איז אויך דאס נאך א סיבה פארוואס מען האט עס נישט געקענט האלטן אזוי אין ארדענונג ווי עס וואלט געדארפט צו זיין.

מעיאר דיבלאזיא האט ביי א פרעסע קאנפערענץ דאנערשטאג געווארנט אז יעדער זאל זייער ערנסט נעמען "שטורעם גרעיסאן" וואס וועט איבערלאזן אין געוויסע פלעצער ביז צען אינטשעס שניי.

די פעריס האבן אויפגעהערט צו פארן 12:00 מיטאג אבער די סאבוועיס וועלן ווייטער פארן, כאטש מיט שפעטיגונגען. די שווערע אומשטענדן וועלן אבער אנהאלטן ביז אנהויב קומענדיגע וואך און מען האט ערווארט אז די קעלט מיט'ן ווינט וועט זיך שפירן אזוי ווי 20 גראד אונטער זערא, פרייטאג צונאכטס און מוצ"ש!

אזוי ווי די שטאט ערווארט נישט אז מען וועט קענען אפשארן אינגאנצן די גאסן, זאל מען זיך פארמיידן פון דרייוון ווייל מיט אלע באווארענונגען, וועט מען דאך פארן אויף שניי און מעגליך אייז, זאל מען נישט איינשטעלן, נישט דרייוון אויב מען קען דאס פארמיידן.

*



פאליציי ביים ברוקלין בריק, מען האט נישט געקענט זעהן די מאנהעטן זייט ווען די געדעכטע שניי איז געפאלן



ביים אריינגאנג צום האלאנד טונעל איז געשטאנען א ווארענונג "נישט פארן אויב עס איז נישט וויכטיג"